בעזהשי"ת

# מכתבי התחזקות

## במדבר

### תשע"ז

קרן הדפסה
היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו״ר מוהר״ן מברסלב זי״ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות ״היכל הקודש״ חסידי ברסלב**

שע״י עמותת ״ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל״
בהסייתדות ע״י כ״ק מוהרא״ש זצוק״ל

רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225

טלפון רב קווי 04-6708356

פקס: 04-6708359

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

לשמוע השיעורים: 212-444-9191

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת במדבר, כ״ה אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון רבי׳ן; דער רבי לערנט אונז אויס אז אפילו איך האב א שווערע מינוט, איז נאך נישט עק וועלט, און דער רבי האט עצות וואס קען העלפן יעדן איינציגסטן מענטש - נישט קיין חילוק וואו ער איז אריין געפאלן.

ווען א מענטש פאלט רחמנא לצלן אריין אין קוקן שמוציגע מאוויס, איז אים זייער שווער ארויסצוקריכן פון דעם, ווייל דאס איז א זייער א שטארקע דמיון; מען קען זיצן מיט א קאמפיוטער אדער איי פאד וכו׳ וכו׳ - שעות אויף שעות, און קוקן שמוציגע און עקעלדיגע קליפס פון ניאוף רחמנא לצלן, און דער יצר הרע שלעפט אזוי שטארק אריין דעם מענטש אין דעם, אז רוב מענטשן בלייבן אין דעם פלאנטער רחמנא לצלן.

קומט אבער דער הייליגער רבי און געבט אן עצה ווי אזוי מען קען ארויס גיין פון דעם; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): ״שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד - שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה - ער טוט עבירות רחמנא לצלן, און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״; אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג ״כך וכך״, וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ר׳ נתן האט פארציילט (חיי מוהר״ן, סימן תקעג): ״ווען דער רבי האט דאס געזאגט, האב איך געפרעגט דעם רבי׳ן צי תורה קען העלפן אזא איינעם וואס איז אראפגעפאלן אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן? האט דער רבי

געשריגען אויף מיר, און געזאגט: ״דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון אלעס״; און אפילו אז א מענטש ליגט נעבעך אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אויב דער מענטש וועט לערנען יעדן טאג ׳כך וכך׳ וועט ער ווערן אן ערליכער איד.

מיר שטייען יעצט פאר קבלת התורה, פאר דעם הייליגן יום טוב שבועות; דארפן מיר יעצט נאכאמאל אנהייבן פון פריש אלע שיעורים בכל חלקי התורה, אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן.

געדענק וואס דער רבי וויל פון אונז, און זאלסט נישט מיינען אז ברסלב׳ער חסידות איז תלוי אין שטותים והבלים; ליידער ליידער רעדט מען נישט אין ברסלב קיין איין ווארט וועגן לימוד התורה, דאס איז שוין געבליבן ביי זיי אפגעמאכט אז דאס קומט נאר פון מוהרא״ש (מחמת זייער גאוה וד״ל), איי קוק וואס דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם ר׳ יוסקא, ״בקשתי מאהובי חתני, שתלמוד בכל יום שיעור גמרא ופוסק, שלא תעשה חס ושלום מטפל עיקר״ - איך בעט דיר מיין טייערע איידעם, זע צו לערנען יעדן טאג גמרא און שולחן ערוך, און מאך נישט פון טפל אן עיקר; זעט מען וואס דער רבי האט געוואלט, נאר תורה ותפילה ויראת שמים. דאס איז דער עיקר וואס א מענטש דארף טון.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת״, דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר; די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; מוהרא״ש האט דאס געהאלטן אין איין חזר׳ן, און מוהרא״ש ז״ל האט געזאגט אז דער שיחה דארף זיין דער קאמפאס פונעם מענטש, פונקט ווי א מענטש פארט אויף א שיף טיף אינמיטן די וואסער, דארף ער האלטן מיט זיך א גאנצע צייט א קאמפאס כדי ער זאל וויסן צי ער פארט גראד, אדער ער האלט זיך אין איין ארום דרייען; ווייל אינמיטן וואסער זעט מען נישט דעם סוף, און עס קען זיין אז מען זאל פארן א יאר צייט און באמת איז מען געפארן א גאנצע יאר ארום און ארום. אזוי אויך ווען איינער איז פארבלאנדזשעט אין וואלד, און ער האלט אין איין

גיין און גיין, דארף ער האלטן א קאמפאס וואס זאל אים ווייזן וואו צפון איז (א קאמפאס ארבעט מיט מאגנעט, און ציט אלץ צו צפון זייט; אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט אז א מאגנעט ציט שטענדיג אויף צפון), אזוי קען ער אנקומען ערגעץ. אבער אויב האט ער נישט דעם קאמפאס, קען זיין אז א גאנץ לעבן וועט ער זיך האלטן אין איין ארום דרייען אויף איין פלאץ.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז די שיחה איז געווען זיין קאמפאס ווען מען פלעגט שרייען אויף אים: "דאס איז נישט דעם רבינ'ס זאך", "דאס איז נישט ברסלב", "עס הייסט נישט געלערנט וכו' וכו'", די אלע זאכן וואס מען קען נאך היינט הערן פון די טראדישענעל ברסלב'ער, וואס זיי זאגן אויפן סדר דרך הלימוד אז עס הייסט נישט געלערנט, און אז מיר זענען נישט ברסלב וכו' וכו', האט מוהרא"ש גענומען דעם שיחה אלץ א קאמפאס: "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר; די וועלט נאר'ט אייך, לאזט אייך נישט נארן. 'לאמיר זען וואס איך האב געטון דעם יאר, און וואס איך האב אלץ געלערנט יעדן טאג, און צי איך נאר מיך'.

א מענטש וואס לעבט מיט א חשבון הנפש; יעדע זאך רעדט ער מיטן אייבערשטן, און ווען ער איז נכשל געווארן מיט עפעס, טוט ער גלייך תשובה; ער כאפט אריין יעדן טאג אביסל חומש רש"י מיטן תרגום; אפאר פרקים משניות; א דף גמרא; ער זאגט יעדן טאג תהילים וכו' וכו'; אזא מענטש קענסטו נישט פארדרייען דעם קאפ אז עס הייסט נישט געלערנט, אדער אנדערע שטותים; ווייל אזא מענטש דארף שוין נישט קיין ראיות צי עס הייסט געלערנט אדער נישט, און אזא איינער ווערט שוין נישט איבערגענומען ווען מען פארציילט אים א טשאדעלע באדעלע מעשה וכו' וכו'; ווייל ער קוקט אויף זיך: "א מופת בין איך", "א ראי' בין איך", "איך בין א מענטש וואס ארבעט ביטער שווער, און איך דארף זיין אין גאס צווישן מענטשן, און איך ווער יעדע רגע פארברענט פונעם יצר הרע - בפרט זוממער ווען די גוים גיין אנגעטון, בעסער געזאגט אויסגעטון, ווי די חיות פון וואלד, וואס וואלט איך געטון ווען נישט דעם רבינ'ס דרך הלימוד".

א אינגערמאן קומט ארויף פאריגע וואך און זאגט מיר מיט טרערן אין זיינע אויגן: ״ראש ישיבה איך האב שוין נישט קיין כח״, פרעג איך אים: ״וואס גייט פאר?״ זאגט ער מיר אז ער זעט אין זיך צוויי מענטשן - א וואכעדיגע מענטש און א שבת׳דיגע מענטש; א גאנצע וואך קומט ער קוים אן צו לערנען און דאווענען, און אלעס איז ממש אויף יוצא צו זיין, אבער שבת דאווענט ער, און ער לערנט פלייסיג. זאג איך אים: ״קודם כל, דאנק דעם אייבערשטן אז שבת ניצסטו אויס די צייט, און די לערנסט פלייסיג שעות אויף שעות; וויפיל אינגעלייט עפענען נישט קיין אידיש ספר פון יאר צו יאר״. צווייטנס - זאג איך אים: ״דיין קרעכץ איז זייער חשוב ביים אייבערשטן; דאס וואס דו וויינסט, און דו גייסט ארום מיט אזא בענקעניש אז דו ווילסט לערנען, און אז דו ווילסט זיין א איד, דאס איז נאך מער חשוב׳ער פון אלעס״.

דאס זעלבע זאג איך דיר טייערע: זע צו לעבן מיט די שיחה אז דער וועלט זאל דיר נישט נארן. נאך אביסל גייען מיר צוריק צום אייבערשטן, און נאר דאס ביסל משניות און דפים גמרא און דאס גמילות חסדים וואס מיר האבן אריין געכאפט, דאס וועלן מיר מיט נעמען.

מוהרא״ש שרייבט א מורא׳דיגע לשון אין די צוואה (אות יג): ״וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״. קוק אריין די גאנצע אות, ועסטו האבן דעם ריכטיגן בליק זיך נישט צו טענה׳ן מיט קיינעם.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת במדבר, כ״ה אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חז״ל זאגן (בבא קמא צב.): ״וּמִנַּיִן שֶׁלֹּא יְהֵא הַמּוֹחֵל אַכְזָרִי, שֶׁנֶּאֱמַר (בראשית כ, יז): וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אֶל הָאֱלֹהִים, וַיִּרְפָּא אֱלֹהִים אֶת אֲבִימֶלֶךְ וגו׳״, זעט מען פון דעם אז אפילו איינער האט דיר ווי געטון, זאל מען יענעם מוחל זיין. און אז מען איז יענעם מוחל איז דער אייבערשטער אונז מוחל.

דער זוהר הקדוש פארציילט א מורא׳דיגע מעשה (פרשת מקץ, רא:): רִבִּי אַבָּא הֲוָה יָתִיב אַתַּרְעָא דְּאַבָּבָא דְלוֹד, רבי אבא איז געזעצן ביים ארייננגאנג פון די שטאט לוד, חָמָא חַד בַּר נָשׁ דַּהֲוָה אָתֵי, וְיָתִיב בְּחַד קוּלְטָא דְּתָלָא דְאַרְעָא, וְהֲוָה לָאֵי מֵאָרְחָא, וְיָתִיב וְנָאִים תַּמָּן, האט ער געזען ווי א מענטש קומט און זעצט זיך אראפ אונטער א דיקן צווייג פון א בוים - זיך אפצורוען, און דער איד איז איינגעשלאפן דארט. אַדְּהָכִי חָמֵי חַד חִוְיָא, דַּהֲוָה אָתֵי לְגַבֵּיהּ, נָפַק קוֹסְטְפָּא דְגוּרְדְּנָא, וְקָטִיל לֵיהּ לְחִוְיָא, פלוצלינג זעט ער ווי א גרויסע שלאנג קומט צו גיין, און דער שלאנג גייט צום מענטש; איז געקומען צו גיין א מין קליינע חיה׳לע און גע׳הרג׳עט דעם שלאנג. כַּד אִתְּעַר הַהוּא בַּר נָשׁ, חָמָא הַהוּא חִוְיָא לְקָבְלֵיהּ, דַּהֲוָה מִית. אִזְדַּקַּף הַהוּא בַּר נָשׁ, וְנָפַל הַהוּא קוּלְטָא לְעוּמְקָא דִּתְחוֹתוֹי וְאִשְׁתֵּזִיב, ווען דער מענטש האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף און געזען דעם טויטן שלאנג, האט ער זיך שנעל אויפגעשטעלט און געגאנגען קוקן וואס עס גייט פאר, אזוי ווי ער האט זיך אויפגעשטעלט און אוועק פון זיין פלאץ, האט אראפגעטראסקעט דער גרויסער צווייג פונעם בוים.

״אֲתָא רַבִּי אַבָּא לְגַבֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ, אֵימָא לִי מָאן עוֹבָדָךְ. דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִישׁ לָךְ אִלֵּין תְּרֵין נִסִּין, לָאו אִינוּן לְמַגָּנָא, איז רבי אבא צוגעגאנגען צו דעם מענטש און אים געפרעגט: ״זאג מיר, וואסערע גוטע מעשים האסטו געטון אז דער אייבערשטער האט געמאכט מיט דיר צוויי גרויסע ניסים?״ אָמַר לֵיהּ הַהוּא בַּר נָשׁ, כָּל יוֹמָאי לָא אַשְׁלִים לִי בַּר נָשׁ בִּישָׁא בְּעַלְמָא, דְּלָא אִתְפַּיַּיסְנָא בַּהֲדֵיהּ, וּמָחִילְנָא לֵיהּ. וְתוּ, אִי לָא יָכִילְנָא לְאִתְפַּיְּיסָא בַּהֲדֵיהּ, לָא סָלִיקְנָא לְעַרְסִי, עַד דְּמָחִילְנָא לֵיהּ, וּלְכָל אִינוּן דִּמְצַעֲרוּ לִי, וְלָא חַיְישְׁנָא כָּל יוֹמָא לְהַהוּא בִּישָׁא דְּאַשְׁלִים לִי. וְלָאו דֵּילִי דָא, אֶלָּא דְּמֵהַהוּא יוֹמָא וּלְהָלְאָה, אִשְׁתַּדַּלְנָא לְמֶעְבַּד עִמְּהוֹן טָבָא, האט דער איד געזאגט פאר רבי אבא: ״אין מיין גאנץ לעבן, ווען א מענטש האט מיר ווי געטון און ער האט מיר

איבערגעבעטן האב איך אים מוחל געווען, און נישט נאר דאס, נאר אויב האב האט ער מיר נישט איבערגעבעטן בין איך נישט געגאנגען שלאפן פאר איך האב ארויס געזאגט מיט מיין מויל אז 'איך בין מוחל דעם מענטש מיט מיין גאנצע הארץ', און איך האב נישט געהאלטן די שנאה אויף אים, פארקערט איך פלעג פרובירן צו טון מיט יענעם מענטש גוטס". זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט ווען א מענטש איז מוחל פאר יעדן איינעם.

זיי נישט קיין בטלן, און הייב אן לערנען אביסל תורה יעדן טאג; דו שרייבסט מיר אז דו לערנסט נאר שבת ווייל דו האסט געזען שטיין אין ספרים אז די תורה וואס מען לערנט שבת איז טויזענט מאל מער ווי אינדערוואכן וכו' וכו'. דאס איז פאר איינער וואס זוכט שכר, אבער דער רבי לערנט אונז אויס פשוט שכל, אז א מענטש זאל גארנישט דארפן - נישט קיין שכר, נישט די וועלט און נישט יענע וועלט, נאר דעם אייבערשטן אליין.

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן (שיחות הר"ן, סימן יז): "ווען די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט דארפן"; ווייל עס איז נישט דא בעסערס ווי לערנען די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת במדבר, כ"ה אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד הרב הגאון, זוכה ומזכה את הרבים, ר' ... שליט"א; שליח כ"ק אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע, מבייג'ינג סין.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

א גרויסן יישר כח פאר די חיזוק ווערטער; איך האב הנאה אז איר זענט זיך מחזק מיט די שיעורים, און אז די שיעורים קומען אן אזוי ווייט אוועק - ביז בייג'ינג סין.

מען טרעפט אין חז״ל אסאך מאל דערמאנט אז די תנאים און אמוראים האבן געזאגט: ״יהא חלקי״; (שקלים ט.): ״יְהֵא חֶלְקִי מִמִּי שֶׁחוֹשְׁדִים אוֹתוֹ וְאֵין בּוֹ״, אדער געפונען מיר (שבת קיח:): ״אָמַר ר׳ יוֹסִי, יְהֵא חֶלְקִי מֵאוֹכְלֵי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בְּשַׁבָּת וכו׳; דאס זעלבעע זאג איך: יְהֵא חֶלְקִי מיט די שלוחים וואס זיי זענען מחזק אידישע קינדער, און איך פריי זיך אז אסאך שלוחים פון כ״ק אדמו״ר מליובאוויטש זי״ע שרייבן מיר אז זיי האבן חיזוק פון די שיעורים.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט מצליח זיין אין אייער עבודת הקודש, און איר זאלט זיך מחזק זיין און וויסן אז ביים אייבערשטער איז זייער חשוב א איד וואס ברענגט צוריק אידישע נשמות צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (תרומה קכ״ח): ״תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קום און זע - זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דער אייבערשטער׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. וְזָכֵי לְמֶחמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, קיינער קען אים נישט שלעכט׳ס טון, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן״.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט מצליח זיין, און איר זאלט ווייטער האבן כח מקרב צו זיין אידישע קינדער לאבינו שבשמים.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת במדבר, כ"ה אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן; דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט נחת ביי אייערע קינדער.

איך האב אייך געוואלט בעטן - אויב איר ווילט מיר העלפן; מיר מאכן יעצט א חתונה זאל אין ישיבה אז אנשי שלומינו זאלן קענען חתונה מאכן פאר אומזיסט. עס גייט גארנישט קאסטן פאר אנשי שלומינו, נאר די קהלה שטעלט אלעס צו אי"ה, אזוי וועלן מיר קענען חתונה מאכן אונזערע קינדער געזונטערהייט אן חובות, און מיר וועלן האבן אסאך נחת פון זיי.

איך האב אייך געוואלט פרעגן אויב איר ווילט נעמען בילדער פון די חתן כלה און משפחה ביי די חתונה, און האבן א חלק אין שמחת חתן וכלה, וואס חז"ל זאגן (ברכות ו:): "ווער עס מאכט פרייליך א חתן כלה "רַבִּי אַבָּהוּ אָמַר: כְּאִילּוּ הִקְרִיב תּוֹדָה", רבי אבהו זאגט אז עס איז אזוי ווי ער ברענגט א קרבן תודה אין בית המקדש, "רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אָמַר: כְּאִילּוּ בָּנָה אַחַת מֵחוּרְבוֹת יְרוּשָׁלַיִם", רב נחמן זאגט אז עס איז אזוי ווי ער וואלט אויפגעבויט איינע פון די חרבות פון ירושלים.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות דרך, סימן ב): "וּמִי שֶׁמְּשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּשִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה, כְּשֶׁיּוֹצְאִין מִן הַחֻפָּה, אֵינוֹ נִזּוֹק בַּדֶּרֶךְ", ווער עס מאכט פרייליך א חתן כלה ווען זיי קומען צוריק פון די חופה וועט נישט געשעדיגט ווערן ווען ער איז אונטערוועגנס.

איך האף אי"ה אז איר וועט זיך צוכאפן צו די מצוה; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט זוכה זיין צו זען נחת פון אייערע קינדער, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן צ): "מִי שֶׁמְּשַׂמֵּחַ חָתָן וְכַלָּה, יִזְכֶּה שֶׁתֵּלֶד אִשְׁתּוֹ זְכָרִים", ווער עס מאכט פרייליך חתן כלה, וועט האבן קינדער זכרים.

ביטע שרייבט מיר צוריק צי איר האט באקומען די בריוו, און צי איר וועט עס קענען טון.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת במדבר, כ״ה אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... תחי׳.**

א גרויסן יישר כח פאר די עסן וואס איר האט געשיקט; מיר האבן זיך אלע מחי׳ געוועזן - איך און מיינע קינדער, אויך האב איך געטראגן פאר מיין ווייב תחי׳ אין שפיטאל, און זי האט זיך ממש מחי׳ געוועזן (מיין משפחה איז נאך אין מירון פון ל״ג בעומר, האט קיינער נישט געברענגט עפעס היימישע עסן). דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט זען נחת פון אלע אייערע קינדער, און דער זכות זאל אייך ביישטיין.

די שענסטע זאך איז ווען מען טוט חסד איינער מיטן צווייטן; אסאך מאל קען מען מחיה זיין א איד מיט אביסל עסן, בפרט ווען איינער האט נישט קיין משפחה, אדער ווען די משפחה קומט נישט אן צו העלפן, און ווען מען ברענגט זיי עסן איז מען זיי מחי׳ און דער זכות איז זייער גרויס.

חז״ל פארציילן (תענית כג.) אז אמאל איז געווען א טרוקעניש אין ארץ ישראל - עס האט נישט גערעגענט, איז דער צדיק אבא חלקיה - אן אייניקל פון חוני המעגל, ארויפגעגאנגען צוזאמען מיט זיין ווייב אויפן דאך פון זייער הויז, ער איז געגאנגען ביי איין זייט פון די דאך און זי ביי די צווייטע זייט, און זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל רעגענען און מען זאל נישט שטארבן פון הונגער, נאך א קורצע צייט האט מען געזען ווי אזוי עס קומען צו גיין שווארצע וואלקענעס פון די זייט וואו זיין ווייב איז געשטאנען און געבעטן דעם אייבערשטן.

האבן די חכמים געפרעגט פון אבא חלקיה פארוואס דער אייבערשטער האט אנגענומען אירע תפילות שנעלער ווי זיינע תפילות? האט ער געענטפערט: ״מִשּׁום

שֶׁהָאִשָּׁה מְצוּיָה בַּבַּיִת, וְנוֹתֶנֶת פַּת לְעָנִי וּקְרוֹבָה הֲנָאָתוֹ; וַאֲנִי נוֹתֵן מָעוֹת לְעָנִי וְאֵין הֲנָאָתוֹ קְרוֹבָה" - ווען אן ארימאן קלאפט אריין אין שטוב און בעט צדקה, און די פרוי געבט אים עסן, האט דער ארימאן גלייך הנאה, אבער ווען דער ארימאן גייט נאך געלט אין שול, און דער מאן געבט אים געלט, קען ער נאך גארנישט טון מיט דעם, ווייל געלט קען מען נישט עסן, נאר ער דארף נאך גיין קויפן עסן וכו'. קומט אויס אז וויבאלד די פרויען זענען אין שטוב און ווען זיי געבן צו עסן פאר א איד איז זיך יענער מחי' גלייך, האט די פרוי א גרויסע זכות, און אירע תפילות ווערן זייער שנעל אנגענומען.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט האבן נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, אמן.

...

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת במדבר, כ"ו אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך בין געווען שבת אין בארא פארק ווייל מיין ווייב איז געווען שבת אין שפיטאל, און איך האב דארט געמאכט דעם שלום זכור.

שבת האב איך געדאווענט מיט אנשי שלומינו, און איך האב פארגעלערנט סיפורי מעשיות (מעשה ד); מיר האבן ארום גערעדט אז א איד זאל בעטן דעם אייבערשטן דאס וואס דער אונס האט געבעטן דעם מלך: "גאר מיין כבוד איז, אז איך זאל מעגן זיין א איד בפרהסיה - איך זאל מעגן לייגן טלית און תפילין ברבים"; דאס הייסט, אז אפילו מען איז אויפגעשטאנען שפעט, און מען האט שוין קיין מנין, דארף מען אויך גיין אין שול דאווענען (עיין בשלחן ערוך אורח חיים, סימן צ, סעיף ט), און נישט דאווענען אין שטוב אדער ערגעץ וואו באהאלטן אין א קלאזעט. דאס זעט מען ביי דעם מעשה, אז דער אונס וואס ער פלעגט לייגן טלית און תפילין באהאלטענערהייט, ווען דער מלך האט אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן וואס ער דארף - געלט אדער כבוד, האט ער

געזאגט: ״איך דארף גארנישט - נאר איין זאך, איך זאל זיין א איד, און גיין אין שול דאווענען מיט טלית ותפילין״.

דערפאר זאלסטו זען פון היינט און ווייטער מקפיד צו זיין אויף דעם - צו גיין דאווענען אין שול דייקא מיט מנין דריי מאל א טאג. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ח): ווען א איד איז שטארק מיטן דאווענען דריי מאל א טאג שחרית, מנחה און מעריב, וועט ער בלייבן א איד, ווייל דאס האלט א איד שטארק אז מען זאל נישט אוועקפאלן רח״ל. דער רבי זאגט אז דאס איז פשט וואס חז״ל זאגן (ברכות נד.): עוג מלך הבשן האט אויסגעריסן א בארג פון דריי פרסה, און ער האט עס געוואלט ווארפן אויף די אידן און זיי הרג׳נען ח״ו, האט דער אייבערשטער געמאכט א נס און עס זענען געקומען קליינע ווערעמלעך און געלעכערט דעם בארג, און דער בארג איז אים אריין געפאלן אויפן האלז, נאכדעם איז געקומען משה רבינו און געגעבן א שפרינג און אים געגעבן א קלאפ אויף זיין פיס און אים גע׳הרג׳עט. זאגט דער רבי, אז עוג מלך הבשן דאס איז דער יצר הרע וואס ער האט פיינט יעדן איד און ער וויל אים הרג׳נען, ווי אזוי קען דער יצר הרע מצליח זיין מיט א מענטש און אים אויסרייסן פונעם אייבערשטן? ער נעמט אים צו די דריי תפילות. דאס איז דער פשט - עוג מלך הבשן האט אויסגעריסן א בארג וואס איז גרויס ׳דריי פרסה׳, די ׳דריי פרסה׳ דאס איז די דריי תפילות ׳שחרית׳, ׳מנחה׳ און ׳מעריב׳, ער מאכט אז א מענטש זאל אנהייבן מזלזל זיין אין דאווענען; קודם הייבט ער אן מיט מנחה מעריב, נאכדעם הייבט מען אן שניידן פון שחרית, מען ווערט א תלמיד חכם - מען ווייסט שוין וואס איז דער עיקר דאווענען און וואס איז נאר א לכתחילה וכו׳ וכו׳, מען טוט אן תפילין און מען זאגט שמע ישראל מיט די ערשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה, ביז מען הערט אויף אינגאנצן צו דאווענען.

נאך א זאך זעט מען ביים סוף פון די מעשה, אז דער מלך האט געמיינט אז ער וועט נישט פארברענט ווערן, ווייל ער האט געזען ווי אידן שפאצירן אין פייער אנגעטון מיט טלית ותפילין, איז ער אויך אהין געגאנגען, אפילו דער חכם האט אים געזאגט אז ער זאל נישט גיין ווייל ער וועט פארברענט ווערן, למעשה האט ער נישט געפאלגט און ער איז יא געגאנגען, און ער איז טאקע פארברענט געווארן. וואס קענען

מיר ארויס נעמען פון די מעשה? אז א מענטש קען אריבער גיין אלע פייערן און נישט פארברענט ווערן - אז ער איז שטארק מיט גיין אין שול דאווענען, און ער טוט אן טלית ותפילין יעדן טאג, סיי דעם ברענעדיגן יצר הרע וואס ברענט ווי א פייער, און סיי דאס פייער פון אלע איבערגייעכץ וואס גייט איבער אויפן מענטש, אז מען שפירט ממש ווי מען ווערט פארברענט.

דערפאר שטארק דיר, און לויף אין שול דאווענען אלע דריי תפילות.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת במדבר, כ"ז אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

עס איז זייער וויכטיג אז דו זאלסט אריין קוקן וואס דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן (סימן כז), אז א מענטש דארף זייער אכטונג געבן נישט צו נעמען אויף זיך צו סאך, ווייל אז מען נעמט אויף זיך צו אסאך קען מען נאכדעם אלעס אפלאזן; זאגט דער רבי א מורא'דיגע זאך: "כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ בִּשְׂרֵפָה חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁמֵּחֲמַת הַבֶּהָלָה חוֹטְפִין מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין", מען זעט אז ווען עס ברעכט אויס א שריפה חס ושלום ביי איינעם אין שטוב, אנשטאט דער מענטש זאל ארויסכאפן און ראטעווען די וויכטיגע זאכן, נעמט ער ארויס זאכן וואס זענען נישט אזוי וויכטיג, ווייל ער איז צעטומעלט, אבער ווען דער מענטש וואלט געווען רואיג, וואלט ער געקענט אסאך מער ארויס ראטעווען.

דאס זעלבע איז אין עבודת השם; א מענטש טאר נישט ווערן צעבראכן ווען ער זעט אז ער קען נישט טון וואס מען דארף, ווייל (קידושין נד.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דער אייבערשטער האט נישט געגעבן די תורה פאר מלאכים, און א מענטש דארף פרובירן דאס מערסטע וואס ער קען.

דער בעל טוב שם הקדוש זי״ע האט געזאגט: ״איך בין אראפּ געקומען אויף דער וועלט אויסצורייסן דעם בייזער למדן״, אויך האט ר׳ נתן געזאגט: ״איך וויל דאווענען וותיקין, אבער נישט ווי א בייזער למדן״; ווייל א מענטש טאר נישט אריין גיין אין א לחץ און אין א קטנות, און מען דארף גוט געדענקען וואס דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן רסט): ״מען דארף גארנישט טון, דער עיקר אז מען טוט נישט קיין שלעכט״. און באמת איז דאס א חז״ל (קידושין לט:): ״יָשַׁב וְלֹא עָבַר עֲבֵירָה, נוֹתְנִים לוֹ שְׂכַר כְּעוֹשֶׂה מִצְוָה״, אז א מענטש טוט נישט גארנישט, אבער ער טוט נישט קיין עבירה, באקומט ער שכר אזוי ווי ער וואלט געטון א מצוה; און זאלסט גוט וויסן, אז אפילו ווען מען לערנט הייליגע מוסר ספרים, דארף מען דאס נעמען אויף התחזקות, און נישט אויף זיך צו צוברעכן.

דער רבי האט דערציילט אז איינער פון אנשי שלומינו האט געטון די ׳תשובת הקנה׳, (די תשובת בעל הקנה איז איינע פון די שווערסטע תשובות; מען פאסט זעקס יאר אין איין צו, און נאך שווערע סיגופים וכו׳), און עס שטייט אין ספרים הקדושים אז ווער עס מאכט די תשובות הקנה, איז מובטח לו שלא יחטא, איז ער פארזיכערט אז ער וועט מער נישט זינדיגן; און אויף אים האט דער רבי אליינס געזאגט אז ער איז אים מבטיח אז ער וועט נישט זינדיגן.

ויהי היום, דער איד איז אריין געפאלן אין א שרעקליכע עצבות און מרה שחורה, און ער איז אביסל געווארן ביים זינען; ער האט זיך איינגעשפארט אין שטוב און נישט געוואלט ארויסגיין פאר א לאנגע צייט, ביז מען האט אים געברענגט צום הייליגן רבי׳ן. האט ער פארציילט פארן רבי׳ן אז זיין עיקר עצבות האט ער באקומען ווען ער האט געלערנט די גמרא (יומא לה:): ״הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים״, אז ווען מען וועט פרעגן א מענטש אויבן אין הימל: ״פארוואס האסטו נישט געלערנט?״ וועט קיינער נישט קענען ניצן דעם תירוץ אז ער איז געווען זייער ארעם, ווייל מען וועט אים פרעגן: ״ביסטו דען געווען מער ארעם פון הלל הזקן? ניין; נו, אז הלל הזקן האט געלערנט אפילו ער האט נישט געהאט קיין לחם לאכול, פארוואס האסטו נישט געלערנט?!״

האט ער געזאגט פארן רבי'ן, אז ווען ער האט געלערנט די גמרא האט ער געטראכט אז ער האט שוין קיין נישט קיין שום האפענונג, ווייל מען וועט גארנישט קענען ענטפערן אויף יענע וועלט, אבער ער האט געזאגט פארן רבי'ן, אז די איינציגסטע זאך וואס האט אים געהאלטן, און מיט וואס ער האט זיך מחי' געווען - איז געווען מיטן רבי'ן, ער האט געטראכט 'אפילו איך בין וואס איך בין, אבער וויבאלד מיר האבן אזא גרויסע רבי וואס גייט פאר אונז, דארף איך זיך נישט זארגן'; דער רבי האט פארציילט די מעשה ארויס צו ברענגען דאס גרויסקייט פון א מענטש וואס איז מקורב צו אים, אז אפילו ער פאלט אראפ, דאך דערהאלט מען זיך מיט אים עיי"ש.

מען קען ארויס נעמען פון די מעשה נאך א לימוד, אז דער גרעסטער מענטש - אפילו אזא איינער וואס דער רבי האט אויף אים מעיד געווען אז ער וועט שוין נישט זינדיגן, דארף אויך אכטונג געבן נישט צו נעמען מאמרי חז"ל און לערנען ספרי מוסר - אויף זיך צו צעברעכן, ווייל מען קען אראפפאלן.

דער פרומער יצר הרע איז זייער א שרעקעדיגער יצר הרע, ווייל יעדער וויל דאך זיין וואויל און ערליך, ממילא אז ער קומט מיט פרומע זאכן קען ער זייער גרינג איבעררעדן דעם מענטש; דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו נעמען אויף זיך צו סאך, און נאר זוכן ביי זיך די גוטע נקודות, און זיך מחי' זיין דערמיט.

ר' נתן איז אמאל געקומען צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געזאגט: "שבת דארף מען זיין פריילעך", און דער רבי האט אים גלייך צוגעלייגט: "עַתָּה יְהֵא לְךָ מְמָּה לִהְיוֹת בְּמָרָה שְׁחוֹרָה" - יעצט האסטו שוין אויף וואס צו זיין מרה שחורה; און ר' נתן האט געזאגט אז דער רבי האט גלייך געכאפט און צוגעטראפן וואס ער טראכט, ווייל ווי נאר דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל זיין פריילעך שבת, איז ער געווארן פאר דאגה'ט אז ער איז נישט פריילעך, האט אים דער רבי געזאגט: "דאס דארף דיר אויך נישט אנגיין, און אויב גייט עס דיר יא אן, דארף דיר דאס אויך נישט אנגיין"; איין זאך דארף מען וויסן, אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און ער טוט דאס בעסטע פאר אונז, און קיינער קען מיר גארנישט טון - נישט שלעכטס און נישט גוטס.

דערפאר זאלסטו פון קיינעם נישט מורא האבן, און וואס דו דארפסט זאלסטו נאר בעטן פונעם אייבערשטן; פארצייל אים אלעס וואס באדערט דיך - אלע מחשבות, אלע פחדים און אלע דאגות - וועט דיר גרינגער ווערן. ווייל ווי מער א מענטש רעדט צום אייבערשטן, ווערט ער מער רואיג און פריילעך, ווייל עס ווערט ביי אים אויף געבויט זיין אמונה, און ער גלייבט אז גארנישט פאסירט פון זיך אליין.

איך שרייב דיר א קליינע תפילה וואס דו זאלסט יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן, זאלסט זאגן די תפילה יעדן טאג - אפילו אפאר מאל א טאג. אבער דער עיקר לייג צו דיינע אייגענע בקשות וואס דרוקט דיר, וועסטו זען אז אלע דיינע שלעכטע מחשבות וועלן אוועק גיין:

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן אַז דוּ פִירְסְט דֶער וֶועלְט, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן. הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶן אַ גַאנְצֶע צַייט אַז דוּ פִירְסְט מִיר אוּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אָדֶער עֶרְגֶער מַאכְן. הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער קוּק צוּ מֵיין צַעַר אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה אִין מִיר, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר. אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח וואו אִיךְ גֵיי אוּן וואו אִיךְ שְׁטֵיי, הָאבּ אִיךְ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן, יֶעדֶע מָאל פוּן אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קֵיין אֵיין מִינוּט. הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער זֶע מֵיין צַעַר, זֶע וִוי אִיךְ וֵויין, נֶעם אָן מַיינֶע טְרֶערְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן אַז דוּ פִירְסְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס אִיז פַאר מֵיין טוֹבָה.

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְצֵיילֶן פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אָבֶער דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ מַאכְסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ קֶענְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, בִּזְכוּת

אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִילָּה זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק, בִּזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב, יִהְי לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

קוק נישט אויף קיינעם; גיי דיר דיין וועג, וועסטו האבן אסאך הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת במדבר, כ״ח אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

היינט נאכט איז דא א פרויען צוזאמקום, זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען; עס וועט גארנישט פאסירן אז דו וועסט בלייבן אין שטוב איין פארנאכטס אכטונג צו געבן אויף דיינע קינדער. א קלוגער מענטש שפארט נישט איין זיין ווייב אין שטוב, פארקערט א נארישער מענטש וועט אייביג זוכן תירוצים ארויס צוגיין און זיין ווייב וועט ער איינווייקן ווי א הערינג אין שטוב. זאלסט וויסן אז עס איז נישט קיין קינדער שפיל, ווייל א מענטש דארף ארויס גיין מזמן לזמן - בפרט א פרוי וואס איז פארנומען א גאנצן טאג אין שטוב מיט די שטוב ווירטשאפט, דארף אמאל ארויס גיין זיך אויסלופטערן.

איך האף אז דו געבסט אכטונג אין שטוב נישט צו לייגן א אימה יתירה; חז״ל זאגן (גיטין ז.): ״לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ״, א מענטש זאל נישט אנלייגן א פחד אין שטוב, ״שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הִטִּיל עֲלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה

וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל״, ווייל ביי די מעשה פון פילגש בגבעה זענען גע׳הרג׳ט געווארן צענדליגער טויזענטער אידן - און אלעס האט זיך אנגעפאנגען ווייל איר מאן האט געלייגט א פחד אויף זיין ווייב עיי״ש, און די גמרא זאגט ווייטער: אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב: ״כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִילּוּל שַׁבָּת״, רב זאגט, ווער עס לייגט א פחד אין שטוב וועט צום סוף צוקומען צו נכשל ווערן מיט די דריי הארבע עבירות: גִּלּוּי עֲרָיוֹת; שְׁפִיכוּת דָּמִים; און חִילּוּל שַׁבָּת.

געדענק וואס איך חזר שטענדיג, דעם פסוק וואס שלמה המלך זאגט (משלי טו, יז): ״טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם, מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ״, עס איז בעסער צו עסן אביסל גרינצייג - א ארימע סעודה ווען ס׳איז דא ליבשאפט דארט, ווי שטיקער פלייש און מען האט זיך פיינט, ווייל ווען עס איז דא ליבשאפט דעמאלט דארף מען גארנישט וכו׳, און מען איז פרייליך און צופרידן; איך האף אז דו מאכסט נישט קראנק דיין ווייב אז זי זאל זיך בייטן איר לבוש. עס זענען דא נעבעך אינגעלייט וואס זיי זענען נישט צופרידן מיט זיך אליין, מאכן זיי משוגע דאס ווייב אז זי זאל זיך טוישן איר לבוש, דער מיט די  שטרימפ, דער אנדערער מיטן שייטל וכו׳, איך פרעג דיר: וואו ווילסטו אנקומען? דו מיינסט אז ווען דו וועסט טוישן דיין ווייב וועסטו ווערן פרייליך? ניין, ווייל פרייליך האט מיטן מענטש אליין, פרייליך ווערט מען ווען מען לערנט תורה, און מען דאווענט דריי מאל א טאג, און מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן.

איך האף אז דו נעמסט אן מיינע ווערטער וואס איך שרייב דיר פון מיין הארץ, באמת קען איך שרייבן אין דעם ענין נאך צענדליגער בלעטער, אבער איך בין זייער פארנומען; איך מאך היינט נאכט א וואכט נאכט, און איך וויל דיר פערזענליך ליידענען, איך מאך דאס ביי מיין טאטן אין שטוב אין בארא פארק, אבער עס איז מיר מער וויכטיגער אז דו זאלסט בלייבן אין שטוב אכטונג צו געבן אויף דיינע קינדער אז דיין ווייב זאל קענען קומען צו די פרויען צוזאמקום.

איינער פרעגט מיר אז אויב ביי די חתונה גייט מען געבן קוגל, וואס גיי איך געבן ביי די וואכט נאכט?! ב"ה אז ביי מיר איז נישט די שמחה לויט וויפיל איך געב אויס ביי די שמחה, נאר ביי מיר איז דער שמחה אין הארץ, אז איך בין ברוך השם זוכה מיטן אייבערשטנ'ס הילף אריין צו ברענגען מיין קינד לבריתו של אברהם אבינו; די ברית וועט זיין ביי מיין זיידע שליט"א וואס ער איז יעצט צוריק געקומען פון מירון און ער איז זייער אפגעשוואכט, דערפאר גיי איך צו אים. מען דאווענט שחרית אכט אזייגער און דער ברית וועט זיין ניין אזייגער.

איךליידן צו מיין שמחה אלע תלמידים וואס איר זענט מיינע קינדער, חז"ל זאגן (סנהדרין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילּוּ יְלָדוֹ", ביי מיר איז עס ממש אזוי – איך שפיר ביי מיר יעדע תלמיד ווי א קינד, און ווען א אינגערמאן הערט אויף קומען צו די שיעורים רייסט עס מיר ביי מיין הארץ.

עס טוט זייער וויי ווען מען לייגט אריין כוחות אין א מענטש, און נאכדעם פאלט יענער אראפ און קומט מער נישט; ווען איך זאל וויסן אז יענער האט זיך געטראפן א צווייטע פלאץ וואו ער שעפט חיזוק און נעמט יראת שמים איז גוט, אדרבה, זאל יעדער גיין וואו ער טרעפט מער דעם אייבערשטן, אבער ווען דו זעסט ווי דער מענטש אין וועם דו האסט אריין געלייגט דיינע כוחות הנפש, דיין צייט און דיין בלוט – קומט נישט מער, און פאלט אראפ, און וואו ער איז אראפ געפאלן, דאס טוט זייער וויי וכו'.

נישט אייביג קום איך אן דיר צוריק צו שרייבן ווייל איך בין זייער פארנומען מיט די בחורים, אבער איך ליין יעדע בריוו וואס דו שרייבסט מיר, און איך בין מיך מחי' דערמיט; שרייב מיר ווייטער, און איך וועל דיר צוריק שרייבן.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת – יום ד' פרשת במדבר, כ"ח אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות, ווייל דער אייבערשטער וועט דיך נישט פארלאזן; קוק אן דיינע טייערע קינדערלעך ווי זיי זענען מלא חן, אזוי זיס און לעכטיג. שטארק דיך, און דו וועסט בקרוב זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר. פון ווען דו האסט גערעדט צו מיר און דו האסט מיר פארציילט דיינע ווייטאגן וואס דו גייסט אריבער, און וואס דיין טייערע מאן גייט אריבער, בעט איך פאר ענק - סיי פאר דיר און סיי פאר דיין טייערע מאן ני"ו, אז ענק זאלן נישט האבן מער קיין צער און ווייטאג.

ווי מער א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה; און חזר'ט איבער די אמונה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים. וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", איך גלייב מיט מיין גאנצע אמונה אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן, ער פירט אלעס, ער טוט אלעס, ער האט אלעס געטון און וועט אלעס טון; ווי מער א מענטש חזר'ט די ריינע אמונה ווערט מען מער און מער פרייליך, און מען ווערט רואיג.

דערפאר בעט איך דיר, ווער נישט צעפאלן און האלט דיך אן מיט אלע דיינע כוחות, גלייב אז דער אייבערשטער פירט דיר, און ער פירט דיין מאן מיט דיינע קינדער, און אלעס איז נאר לטובה.

בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל דיר העלפן און ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און אויף דיין מאן; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע כח תפילה האט, און וואס תפילה קען אלץ אויפטון. עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בלק, קצה.): אז ווען א מענטש וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער: "לֹא בָּעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִּידוּנוּן בֵּינָנָא", איך וויל נישט אז בית דין של מעלה זאל זיך אריין מישן ווען דער מענטש קומט מיט זיינע טענות צו מיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נאר איך וויל זיין אליין מיט דעם מענטש וואס וויינט זיך אויס צו מיר.

זאגט דער הייליגער זוהר (שם) א מורא'דיגער לשון: "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דער אייבערשטער האט נישט קיין

גרעסערע פארגעניגן ווי ווען א מענטש וויינט זיך אויס פאר אים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְּשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אלע טירן פון הימל זענען אפען פאר א צעבראכענעם מענטש וואס וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן, "דְּהָא בְּלֹא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", און די תפילות גייען ארויף אן קיין רשות; דאס הייסט, אז ווען א מענטש גייט אין א ווינקל וואו קיינער איז נישט דארט, און רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן און ער פארציילט אים אלעס - די תפילות גייען ארויף גלייך צום אייבערשטן.

דערפאר בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט זיך שטארקן, און נאך אביסל וועסטו זען א גרויסע ישועה. איך האב דיר געזאגט אז איך וועל דיר שרייבן א תפילה וואס דו זאלסט בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן; איך שיק דיר דא א קליינע תפילה, און לייג צו דיינע אייגענע בקשות וואס דרוקט דיר אויף דיין הארץ, וועסטו זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר. אויך זאלסטו זאגן מזמור כ"ט פון תהילים, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קליפה, סימן ז): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן - מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אז מען זאגט דעם קאפיטל, נעמט מען אוועק דעם רוח רעה וואס כאפט זיך אריין אינעם מענטש.

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַּאנְק דִיר פַּאר מֵיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, אוּן פַּאר מֵיין טַייעֶרֶע מַאן וָואס עֶר אִיז עֶר אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוּן אַזוֹי גוּט צוּ מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן אַזוֹי זִיס אוּן לִיכְטִיג; אִיךְ דַּאנְק אִיךְ דִיר פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אוּן אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן מֵיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן לֶעצְטְנְס, אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס; הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, זֶע מֵיין צַעַר, אוּן קוּק מַיינֶע טְרֶערְן; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אִיךְ זָאל**

שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, אוּן אַז אַלֶעס אִיז פַאר מֵיין טוֹבָה.

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין; אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן דִי אַלֶע וֵוייטָאגְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מֵיין טַייעֶרֶע מַאן נ״ו, אָבֶּער דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ מַאכְסְט דָאךְ אַלֶעס, אוּן דוּ קֶענְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ פַאר מֵיין מַאן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שְׁפִּיר אִיךְ אַזוֹי גוּט, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק אוּן עֶס קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מַיינֶע פְּחָדִים וְכוּ׳ אוּן אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן; אִיךְ וִויל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשׁ אָן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אוּן דִיר; הֶעלְף מֵיין מַאן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, הֶעלְף אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועֶן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִילָּה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַדִיק, בִּזְכוּת דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב.

יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי, וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ - ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

איך בעט דיר אז דו זאלסט מיר שרייבן אויב דו האסט באקומען די בריוו, און איך בין זיכער אז דו וועסט האבן א גרויסע נס.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת במדבר, כ"ח אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיינע חשוב'ע תלמידים ני"ו**

געלויבט דעם אייבערשטן אז איר זענט זוכה צו עפענען א בית המדרש 'היכל הקודש'.

בעפאר דער הייליגער רבי איז אוועקגעפארן פון ברסלב אויפן וועג זיך צו באזעצן אין אומאן, און דער בעל עגלה איז שוין געשטאנען אינדרויסן מיט די פערד און וואגן; אויפן וועג ארויס האט דער רבי זיך אפגעשטעלט ביים טיר, און געהאלטן די האנט אויפן מזוזה, און געזאגט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד" איר זאלט זיך צוזאמנעמען און דאווענען צוזאמען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפָּעַם", ווייל אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען, און דאווענען מיט כוונה, אפשר וועט איר מיר קענען צוריק ממשיך זיין (חיי מוהר"ן, סימן קפה); זעט מען פון דעם אז דער רבי האט זייער שטארק געוואלט אז מען זאל דאווענען צוזאמען און לערנען צוזאמען אין א ברסלב'ער שטיבל. דאס איז געווען דעם הייליגן רבינ'ס רצון; דערפאר זאלט איר זיך האלטן צוזאמען און אכטונג געבן אז עס זאל זיין א שיינע שול.

איר האט מיר געבעטן אז איך זאל אייך שרייבן אפאר נקודות אויף וואס מען זאל אכטונג געבן ביי אייך אין שול.

דאס ערשטע זאך דארף מען וויסן אז מען טאר נישט רעדן ביים דאווענען, אפילו אין סתם א שול אז מען רעדט ביים דאווענען איז דאס א גרויסע עבירה, ווייל אז מען שטערט דאס דאווענען און מען שטערט אנדערע מענטשן איז מען א חוטא ומחטיא את הרבים, כל שכן אז מען רעדט און מען שמועסט אין דעם רבינ'ס שול באקומט מען א גרויסער עונש. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן אז עס זאל נישט ארויסגיין א שלעכטע נאמען אויפן צדיק; דערפאר, ווער עס שטערט דעם רבינ'ס שול באקומט אן עונש. ממילא דאס ערשטע זאך זאלט איר אכטונג געבן נישט צו רעדן ביים דאווענען.

אויב וויל מען אז דער שול זאל מצליח זיין דארף מען זיך האלטן צו א זמן, ווייל מען קען נישט מצליח זיין אויב מען האלט זיך נישט צו קיין זמנים. בדרך כלל דאווענען אלע שולן בערך אין די זעלבע צייט; פרייטאג צו נאכטס דאווענט מען ביים זמן הדלקת הנרות, אדער אביסל שפעטער - ביז א דריי פערטל שעה נאכן זמן, מוהרא״ש ז״ל האט נישט געהאלטן פון דאווענען שבת פארן זמן הדלקת הנרות, און שבת אינדערפרי דאווענט מען ניין דרייסיג.

שבת אינדערפרי נאך שחרית מאכט מען א קידוש, און מען לערנט פאר סיפורי מעשיות. דער וואס לערנט פאר דארף דער עיקר מחזק זיין, ווייל היינט גייט איבער אויף מענטשן זייער אסאך שווערקייטן, און ווען א אינגערמאן קומט שבת אין שול דאווענען, קומט ער צעבראכן און צעשניטן פון אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, און ווען מען רעדט דיבורים פון רבי׳ן און פון מוהרא״ש ז״ל קען מען פשוט מחי׳ זיין א איד; דערפאר דארף מען זען אז בשעת מען רעדט, סיי ביי ספורי מעשיות אדער ביי שלש סעודות וכו׳, זאל מען נאר רעדן התחזקות פון רבי׳ן, ווייל דער רבי האט אזעלכע התחזקות וואס איז מחי׳ און מחזק יעדן איינעם.

מען דארף אכטונג געבן אויף די קינדער אז זיי זאלן נישט שטערן דאס דאווענען; יעדע טאטע איז פאראנטווארטליך אויף זיינע קינדער, און מען קען נישט ברענגען קליינע קינדער וואס שטערן און וויינען וכו׳. דא אין ישיבה האב איך איינגעפירט אז מען טיילט קארטלעך פאר אלע קינדער וואס דאווענען שיין, און יעדע שטיק צייט טיילט מען פרסים לויט וויפיל קארטלעך יעדע קינד האט; דאס האב איך געטון ווייל איך האב געזען אז עס זענען דא עלטערן וואס עס גייט זיי נישט אן צו זייערע קינדער דאווענען יא צו נישט, האב איך געטראכט (אבות ב, ה): ״וּבִמְקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ״, איך גיי ארום ביים דאווענען און איך טייל אויס קארטלעך פאר אלע קינדער וואס דאווענען און זיצן שיין אויפן פלאץ.

אז א גאסט קומט דארף מען אים מכבד זיין מיט אן עליה לתורה, אבער רעדן ביי שלש סעודות אדער דאווענען פארן עמוד - דאס איז נישט קיין כיבוד זאך, נאר דאס

ווענדט זיך, ווייל אז איר וועט צושיקן סתם א גאסט צום עמוד, און יענער וועט אנהייבן שלעפן דאס דאווענען וועט זיך אנהייבן א געשמועסאכטס; דאס זאלסט איר גוט וויסן: ווען א מענטש קומט אין שול, וויל ער נישט שמועסן נאר ער וויל דאווענען, און דאס וואס מען זעט אז אין אסאך בתי מדרשים שמועסט מען מיט א מורא׳דיגע הפקירות, אין דעם זענען שולדיג די וואס דאווענען לאנג, און ציען אויס דאס דאווענען אבי אין דער וועלט אריין; די מענטשן האבן נישט קיין כח צוווארטן, הייבט זיך אן א געשמועסאכטס, נישט אז דאס איז א תירוץ אז מען מעג שמועסן ביים דאווענען, ווייל מען טאר נישט שמועסן ביים דאווענען און עס איז זייער א גרויסע עבירה, נאר איך שרייב דיר די סיבה פון וואו עס קומט, און צוליב דער סיבה קומען מענטשן שפעט צום דאווענען, ווייל מען מאכט זיך א חשבון ׳איך וועל קומען שפעט, און איך וועל נאך האבן אסאך צייט צו דאווענען, ווייל מען ציט אויס דאס דאווענען׳; מוהרא״ש ז״ל האט מיר געזאגט אז שבת אינדערפרי דארף נישט נעמען דאס דאווענען מער ווי צוויי שעה.

איך האף אז איר וועט מצליח זיין; דער עיקר איז אז קיינער זאל נישט קוקן אויף א צווייטן, און קיינער זאל זיך נישט זיין פארנומען מיט יענעמ׳ס רוחניות. אז מען זעט א אינגערמאן קומט אריין שפעט ווען מען האלט שוין טיף אינמיטן דאווענען, האט דאס מיט קיינעם נישט צוטון; ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס יענער איז אריבער די נאכט אין שטוב, אפשר איז ער אויפגעווען א גאנצע נאכט מיט א קינד וכדומה לזה, נאר יעדער זאל דאווענען פאר זיך אויף זיין פלאץ; אויב וועט איר מקיים זיין דאס אלעס וועט איר מצליח זיין.

איך וועל ענק נאך שרייבן מער באריכות, אבער יעצט בין איך פשוט פארנומען מיט מיין שמחה; איר דארפט זיך נישט מטריח זיין אריין צו קומען, איך נעם אן אייער ברכת מזל טוב פון דארט.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת במדבר, כ"ט אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען היינט מכניס צו זיין מיין זון יוסף ני"ו לבריתו של אברהם אבינו; מען וואונטש ביים ברית: "כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים". ווייל ווען דער קינד גייט צום ברית, גייט ער אן חכמות און אן חקירות, נאר בתמימות ופשיטות, וועגן דעם וואונטשט מען אים "אז אזוי ווי דו האסט מקיים געווען מצוות מילה בתמימות ופשיטות, אזוי זאלסטו לערנען און חתונה האבן, און טון אלע מצוות אן קיין חכמות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן יב): "וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת" דער עיקר אידישקייט איז ווען מען פירט זיך פשוט אן קיין חכמות; וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם, וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אסאך רשעים וואס האבן פארדרייט די וועלט מיט זייערע טעותים, איז אלעס געקומען ווייל זיי האבן גענוצט זייער חכמה.

אבער ווען א מענטש פירט זיך בתמימות ופשיטות קען ער נישט פארפירט ווערן, ווייל ער קוקט אייביג צי ער טוט וואס דער אייבערשטער זאגט; שלמה המלך זאגט אין משלי: "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", ווער עס גייט בתמימות - גייט אויף א זיכערע וועג.

היינט איז זייער א גרויסער טאג - ערב ראש חודש סיון; עס שטייט פון של"ה הקדוש אז היינט איז זייער א גרויסער טאג, און עס איז היינט מסוגל צו בעטן דעם אייבערשטן אויף ערליכע קינדער. דערפאר נעם דיר אפאר מינוט און בעט דעם אייבערשטן די תפילת השל"ה, ווייל דאס איז דער סוד פון גוטע קינדער: "תפילה און נאכאמאל תפילה".

מוהרא"ש האט דערציילט אז אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זי"ע, און אים געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע

גענומען א תהלים וואס איז געווען איפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "זעסט, דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע ע"ה, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען צום אייבערשטן אז זי זאל האבן גוטע קינדער"; אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער:

אַתָּה הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָּרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵל. וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בְּגִין לְאִשְׁתְּמוֹדַע אֱלָהוּתָךְ בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. "בְּרֵאשִׁית", בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּא לָנוּ מִמְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים. כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ "פְּרוּ וּרְבוּ", וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ "וְלִמַּדְתֶּם אוֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם", וְהַכַּוָּנָה בִּשְׁתֵּיהֶן אַחַת, כִּי לֹא לְתֹהוּ בָרָאתָ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בָּרָאתָ, יָצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תּוֹרָתֶךָ.

וּבְכֵן אָבוֹא אֵלֶיךָ יְיָ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי וַאֲנַחְנוּ כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ. אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרֻכִּים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ "לוּ יִחְיֶה לְפָנֶיךָ", וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "בְּיִרְאָתֶךָ". כִּי עַל כֵּן, בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, וְלֹא יִרְאָה חִיצוֹנִית. וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וְכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם

בֵּינֵיהֶם, וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם הֵם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם כְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן.

אַתָּה יְיָ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה. עַל כֵּן עֲנֵנִי יְיָ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא ה׳ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו. יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ. אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ. הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא ה׳. יְבָרֶכְךָ ה׳ מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ. וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

אָנָּא יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, יְקֻיַּם בָּנוּ הַפָּסוּק. וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר יְיָ רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט אויך מאכן שמחות, און זען נחת פון דיינע קינדער געזונטערהייט.

...

בעזהשי״ת

ערב שבת קודש פרשת במדבר, ראש חודש אייר, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ני״ו**

א מחי׳ אז עס קומט שוין שבת קודש; א טאג וואס מען ווערט נאנט צום אייבערשטן, און מען קען זיך אביסל כאפן דאס אטעם. א גאנצע וואך איז מען אזוי פארנומען צו ברענגען פרנסה, אז מען האט קוים צייט צו רעדן מיט די ווייב און קינדער - ווער רעדט נאך פון לערנען, אבער ווען עס קומט אזא גרויסע טאג ווי שבת

קודש ווען מען דארף רוען, קען מען אביסל לערנען און זיך אביסל צוריק כאפן מיט די שיעורים כסדרן.

גרייט דיר אן שיינע מעשיות וואס צו דערציילן שבת ביי דער סעודה, ווייל קינדער האבן זייער ליב צו הערן מעשיות, און דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט דאס הארץ אויפגעפלאמט, און מען באקומט א מורא'דיגע חשק צו ווערן אן ערליכער איד; ווייל ווען מען הערט ווי אזוי דער צדיק האט זוכה געווען צו אלע זיינע מדריגות און ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות - וויל מען אויך ווערן א צדיק, בפרט א קינד - ווען ער הערט א מעשה פון א צדיק ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.

הלוואי וואלסטו עוסק געווען אביסל אין הפצה; היינט צוטאגס דארף מען זיך נישט שעמען צו גיין 'הפצה', ווייל היינט צו טאגס זענען מענטשן אזוי צעבראכן, אז יעדער איינער דארף אביסל חיזוק, און יעדער וויל הערן עפעס א פאזעטיווער ווארט. ווען דו געבסט פאר איינעם א ספר אדער א קונטרס האסטו אים פשוט געגעבן לעבן, בפרט פאר בחורים און מיידלעך וואס זיי זענען דאס מערסטע צעבראכן, ווייל קיינער פארשטייט זיי נישט, און קיינער קוקט נישט אויף זיי, בשעת זיי גייען אריבער זייער שווערע און ביטערע נסיונות, און פאלן אראפ אין ביטערע עבירות; אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, וואס די עבירה מאכט דעם מענטש זייער צעבראכן און עס רייסט אינגאנצן אויס דעם מח, ביז מען טראכט מחשבות פון זיך נעמען דאס לעבן השם ישמרינו. און מיט א ספר אדער א קונטרס אדער א סי די וכו' וואס זיי באקומען, ראטעוועט מען זיי דאס לעבן.

חז"ל זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק יא): פארוואס איז געקומען די ביטערע גזירה פון 'פלגש בגבעה' וואס זיבעציג טויזענט אידן זענען דעמאלט געשטארבן? ווייל ווען די

אידן זענען אריין אין ארץ ישראל, וואלטן ווען די סנהדרין געדארפט גיין 'הפצה' יעדן טאג צו א צווייטע שטאט; איין טאג קיין ירושלים, איין טאג קיין חברון, איין טאג קיין בית א-ל, און לערנען תורה מיט אידישע קינדער, און זיי וואלטן זיך ווען געדארפט מאכן גוטע שיך אז מען זאל האבן כח צו גיין, אבער זיי האבן נישט אזוי געטון, נאר יעדער האט זיך באשעפטיגט מיט זיינע ענינים, און געזאגט: "שָׁלוֹם עָלַי נַפְשִׁי", - דערפאר איז געקומען די ביטערע גזירה.

דערפאר ליגט א חוב אויף אונז ארויס צו גיין אין די גאסן און פארשפרייטן פאר יעדן איינעם אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט; איך בעט דיר אז דו זאלסט אויך גיין יעדן טאג אביסל הפצה, און מוהרא"ש ז"ל האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט עוסק זיין אין הפצה וועט האבן שפע.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וויאזוי קען מען פארעכטן די עבירה פון פגם הברית? אז מען ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך וואס א מענטש קען טון צו פארעכטן זיינע נישט גוטע מעשים, ווי צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קו) אויפן פסוק (תהלים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", אז חז"ל זאגן (נדרים מא.): "אֵין עֲנִיּוּת אֶלָּא מִן הַדַּעַת"; דאס הייסט, ווער איז אן אמת'ער ארעמאן? דער וואס האט נישט קיין שכל - א מענטש וואס האט קשיות אויפן אייבערשטן, און אז מען האט רחמנות אויף אזא מענטש און מען איז אים מחזק - דאס איז די געסטע צדקה. זאגט דער רבי: אַשְׁרֵי - וואויל איז פארן מענטש, מַשְׂכִּיל - וואס ברענגט אריין שכל, אֶל דָּל - אין א מענטש וואס איז צעבראכן; דאס איז הפצה, אז מען נעמט א זעקל ספרים וכדומה, און מען גייט אויף די הייזער און מען איז מזכה נאך אידן, און מען איז מחזק נאך אידן; הלואי זאלסטו יעדן טאג עוסק זיין אין הפצה.

איך וועל דאס יאר נישט דאווענען וותיקון יום טוב שבועות, ווייל מיין ווייב תחי' קומט אהיים אויף יום טוב און איך וועל דארפן העלפן אין שטוב. דאס האב איך מקבל

געווען פון מוהרא״ש ז״ל, אז דער אייבערשטער איז אין שטוב, און מען דארף העלפן די ווייב.

א אינגערמאן זאגט מיר אז עס איז אים שווער צו העלפן אין שטוב ווייל ער וויל לערנען נאך און נאך, זאג איך אים: ״מאך דיר א צעטל, און שרייב אריין יעדעס מאל ווען דו העלפסט דיין ווייב, אזוי ווי דו שרייבסט יעדן טאג ׳סיימתי עוד הפעם משניות׳, ׳סיימתי עוד הפעם ש״ס׳, אזוי זאלסטו שרייבן: ״עזרתי עוד הפעם את אשתי״, ״יום ו׳ ערב שבת במדבר תשע״ז, קמתי עוד הפעם באמצע הלילה לעזור את אשתי...״

א גוט שבת.

...

בעזהשי״ת

ערב שבת קודש פרשת במדבר, ראש חודש סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת תחי׳**

איך האף אז דו האסט הנאה געהאט פון די פרויען צוזאמקום און פון די שיעור די וואך; גלייב מיר, עס איז מיר נישט גרינג צו געבן אזא שיעור און רעדן וכו׳, איך טו עס נאר ווייל מוהרא״ש ז״ל האט מיר געהייסן רעדן צו די פרויען וכו׳ וכו׳.

זע צו זיין פרייליך, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין רואיג און פרייליך און אין א גוטע גוסטע, ווייל אז דו וועסט זיין פרייליך וועט די גאנצע שטוב זיין פרייליך. אלעס ווענדט זיך אין דיר - ווען די מאמע איז פרייליך זענען די קינדער פרייליך, און ווען די מאמע איז אנגעצויגן זעט מען עס אן אויף די קינדער. דערפאר בעט אסאך דעם אייבערשטן אויף שמחה; איך שרייב דיר א קליינע תפילה וואס דו זאלסט בעטן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אוּן אִיךְ זָאל קֵיינֶעם מְקַנֵּא זַיין; הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אִין אַ גוּטֶע

**Mood** וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז מֵיין מַאן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז אִיךְ אוּן מֵיין מַאן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם פַּחַד אוּן קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר דוּ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אוּן הֶעלְף מֵיין מַאן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצוּעֶן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אוּן מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

איך שרייב דיר נאר אפאר שורות ווי אזוי דו זאלסט אנהייבן צו רעדן צום אייבערשטן, אבער דער עיקר איז אז דו אליין זאלסט ארויס זאגן דיינע פילינגס און דיינע ווייטאגן צום אייבערשטן.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דער עיקר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל ווען א מענטש איז פריילך און ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער געבט אים, פאלן אוועק אלע פראבלעמען און אלע ווייטאגן וכו'. א מענטש קען ווערן אין איין מינוט אימגליקליך השם ישמרינו, אנשטאט זיך אפרעדן און קרעכצן א גאנצן טאג, דארף א מענטש דאנקען דעם אייבערשטער אויף אלע גוטע זאכן וואס ער האט.

ר' נתן ז"ל פלעגט זאגן: "ווען א מענטש רעדט זיך אפ; מען פרעגט אים: "וואס מאכסטו?" ענטפערט ער: "נישט גוט", זאגט דער אייבערשטער, 'קוק אן דעם מענטש; איך געב אים גוטס און ער רעדט זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכטס', אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, מען פרעגט אים: "וואס מאכסטו?" "וואס הערט זיך?" ענטפערט ער נאר: "ברוך השם", "געלויבט דעם אייבערשטן", זאגט דער אייבערשטער, 'קוק אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין לעבן, און ער איז אזוי פריילך און אזוי דאנקבאר; איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוטס', און מען געבט אים א גוטע לעבן.

זאלסט האבן א פרייליכע שבת, און א גרינגע ערב יום טוב.

...

בעזהשי"ת - ערב שבת קודש פרשת במדבר, ראש חודש אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער טייערער ..., שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט טרעפן בקרוב דיין שידוך.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס געשעהט מיט דיינע תפילות; עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בלק, קצה.) אז ווען א מענטש וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער: "לֹא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִּידוּנוּן בֵּינָנָא", איך וויל נישט אז בית דין של מעלה זאל זיך אריין מישן ווען דער מענטש קומט מיט זיינע טענות צו מיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נאר איך וויל זיין אליין מיט דעם מענטש וואס וויינט זיך אויס צו מיר; זאגט דער הייליגער זוהר (שם) א מורא'דיגער לשון: "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דער אייבערשטער האט נישט קיין גרעסערע פארגעניגן ווי ווען א מענטש וויינט זיך אויס פאר אים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אלע טירן פון הימל זענען אפען פאר א צעבראכענעם מענטש וואס וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן, "דְּהָא בְּלֹא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", און די תפילות גייען ארויף אן קיין רשות; דאס הייסט, אז ווען א מענטש גייט אין א ווינקל וואו קיינער איז נישט דארט, און רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן און ער פארציילט אים אלעס - די תפילות גייען ארויף גלייך צום אייבערשטן.

דערפער בעט איך דיר טייערע ליבער ברודער, חזק ואמץ, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות נישט אויף צו געבן ח"ו, ווייל דיין שידוך וועט דיר אנקומען אומגעראכטן, און דיין שידוך וועט דיר קומען פון הימל אראפ; חז"ל זאגן (בבא בתרא

קכג.): אויפן פסוק (בראשית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" אז מענטשן פלעגן שמועסן אז לבן האט צוויי טעכטער און זיין שוועסטער רבקה האט צוויי זינען, דער עלטערער זון פון רבקה וועט גיין פאר די עלטערע טאכטער פון לבן, און דער יונגערער זון פאר די יונגערע טאכטער; לאה איז געווען עלטער, האט זי געוואוסט אז זי וועט דארפן חתונה האבן מיט עשו, האט זי זיך נאכגעפרעגט: "מַה טּוּבוֹ שֶׁל עֵשָׂו?" וואס טוט עשיו? האט מען איר געזאגט: "אִישׁ רַע הוּא, מְלַסְטֵם בְּרִיּוֹת", ער איז א שלעכטער מענטש און ער בארויבט מענטשן. האט זי געפרעגט: "וואס טוט דער יונגערער זון?" האט מען איר געזאגט אז דער יונגערער זון איז א "אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים" - ער זיצט און לערנט.

זאגן חז"ל: וְהָיְתָה בּוֹכָה עַד שֶׁנָּשְׁרוּ רִיסֵי עֵינֶיהָ, אז לאה פלעגט זייער שטארק וויינען צום אייבערשטן אז זי זאל חתונה האבן מיט יעקב אבינו, ביז אירע אויגן ברעמען זענען ארויסגעפאלן פון אזוי פיל וויינען, און דער אייבערשטער האט צוגעהערט אירע תפילות, און זי האט זוכה געווען חתונה צו האבן מיט יעקב אבינו, און נישט נאר זי האט חתונה געהאט מיט אים, נאר רְאוּיָה הָיְתָה בְּכוֹרָה לָצֵאת מֵרָחֵל, אֶלָּא שֶׁקִּדַּמְתָּהּ לֵאָה בְּרַחֲמִים; צום ערשט האט רחל געדארפט האבן קינדער, אבער וויבאלד זי האט אזוי פיל געבעטן דעם אייבערשטן האט זי געבוירן איר בכור בעפאר רחל האט געהאט קינדער, און אויך אז רוב שבטים זענען ארויס געקומען פון איר.

זעט מען פון דעם אז א שידוך האט נאר צו טון מיט תפילה; ווי מער מען בעט דעם אייבערשטן אויף א גוטע שידוך - וועט מען עס באקומען. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפילה, חלק ב׳, סימן י): "עַל יְדֵי תְּפִילָּה, יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם"; דאס זעט מען פון לאה, אז זי האט באקומען יעקב אבינו נאר דורך תפילה.

אויף דיין שאלה וואס דו פרעגסט מיר, וואס דו זאלסט טון ביז דיין שידוך קומט אן; זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיט אפאר פרקים משניות, און לכל הפחות איין דף גמרא. בטל נישט קיין צייט, און זוך דיר א ארבעט וואס צו טון; גיי אביסל הפצה וועסטו זען אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

א גוט שבת.

...

בעזהשי"ת - ערב שבת קודש פרשת במדבר, ראש חודש סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך הער אייער טענה וכו', אבער איר דארפט פארשטיין אז איך קען נאר זאגן ווען מען פרעגט מיר, און אז איינער פארשטייט אליינס וואס צו טון זאל אים דער אייבערשטער העלפן, איך קען נישט צוגיין צו איינעם און אים זאגן: "מען דארף אזוי און אזוי טון", אפילו דער מענטש דרייט זיך דא, און ער פארופט זיך כלומר'יש אז איך בין זיין מורה דרך.

איך מיין אז איר זאלט רעדן צו זיי וכו' אז זיי זאלן פרעגן דעם ראש ישיבה וכו', און אז זיי ווען מיר פרעגן וועל איך זיי אוודאי זאגן דעת תורה אז ...

וואויל איז פאר אזא איינעם וואס בייגט איין זיין קאפ צו אן ערליכער איד; ער נעמט אן ערליכער איד וואס וויל גארנישט אין זיין לעבן, נאר איין זאך - העלפן אידישע קינדער וכו'.

דאס חזר'ט זיך איבער אין יעדן דור; ווען דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן און ר' נתן פלעגט פארלערנען אין שול, פלעגן אנשי שלומינו קלאפן אויפן טיש און שרייען: "מיר ווילן נישט הערן וואס איר זאגט, מיר ווילן הערן נאר פון רבי'ן!" איי שוטה וואס דו ביסט, דאס וואס מען ווייסט פון רבי'ן איז דאך נאר בזכות ר' נתן... דאס זעלבע איז געווען ווען מוהרא"ש האט געעפענט 'היכל הקודש', דעמאלט זענען אלע עזות פנים'ער אנטלאפן, און געשריגן: "דאס איז נישט דער רבי, דאס איז נישט ר' נתן", איי ווער האט דיר מקרב געווען?! ווער האט דיר אויסגעלערנט וואס דער רבי וויל, און וואס ר' נתן זאגט?!

איך האף אז איר פארשטייט וואס איך רעד, און איר וועט זיך אויסקומען מיט זיי; זאגט זיי אז איך האלט אז ... און אז מען פאלגט דערלייגט מען נישט.

א גוט שבת.

...

**בריוועו פון פארגאנגענע יארן**

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת במדבר, א' סיון, שנת תשע"ו לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

ב"ה איך האב זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל, און איך בין געווען אין יבניאל ביי מוהרא"ש ז"ל, וואו איך האב אסאך מתפלל געווען פאר דיר און פאר אלע מיינע תלמידים בפרטי פרטיות.

איך האב געהאט אזא התעוררות ביי מוהרא"ש אז איך קען דיר נישט מסביר זיין, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן א): "כי אני ידעתי" אני ידעתי דיקא, כי גדולת הבורא יתברך אי אפשר לומר לחברו, מען קען נישט מסביר זיין פאר א צווייטן ווען מען שפירט דעם אייבערשטן; דער ציון פון מוהרא"ש איז א מקום נפלא, און מען ווערט דארט נתעורר לתשובה - ממש אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה: "וכמו בחיים חיותי נתעוררו על ידי אנשים בתשובה, אזוי ווי ווען איך האב געלעבט זענען דורך מיר נתעורר געווארן מענטשן תשובה צו טון, כמו כן עכשיו לאחר הסתלקותי לעילא, כשיבואי אל קברי יתעוררו בתשובה שלימה, אזוי אויך נאכדעם וואס איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט, און מען וועט קומען צו מיין קבר, וועט מען אויך תשובה טון, וימשכו לעצמם ישועות ופלאות בעזרתו יתברך, ואהיה להם למליץ יושר בשמים, ולא אנוח ולא אשקוט עד שיהיה למי שבא אל קברי להתפלל וללמוד ישועה שלימה מן השמים", און מוהרא"ש שרייבט אז ער וועט נישט רוען ביז ער וועט פועל'ן פאר דעם מענטש וואס איז געקומען צו אים זאל האבן א ישועה.

איך בין אביסל ארום געגאנגען צו קברי צדיקים, צווישן אדערע זענען מיר געווען אין טבריה ביי די צדיקים וואס ליגן דארט; מיר זענען געווען ביי ר׳ חייא ובניו, וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז גאר אנדערש ווען מען לערנט יעדן טאג א פרק אין תוספתא, ווייל דורכדעם שפירט מען א נאנטקייט מיטן צדיק. אזוי אויך זענען מיר געווען ביים רמב״ם, און אז מען לערנט יעדן טאג אביסל רמב״ם האט מען א טעם ווען מען גייט מתפלל זיין אויף זיין קבר, און אזוי איז ביי אלע קברים.

שטארק דיך, און הייב אן פון דאסניי צו לערנען יעדן טאג אביסל מקרא, ווייל נאר דאס וועט איבער בלייבן פון אונז.

איך האב נאך אסאך וואס צו שרייבן אבער איך דארף ארייין גיין צו די בחורים.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת במדבר, ב׳ סיון, שנת תשע״ו לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

אזוי ווי מיר גרייטן זיך שוין צו קבלת התורה, איז יעצט די ריכטיגע צייט זיך צו באנייען און אנהייבן לערנען די הייליגע תורה; מען זעט אז יעדער איד ווערט נתעורר יום טוב שבועות, און מען מאכט אפ אז מען גייט לערנען, אבער נאכדעם פאלט מען צוריק און מען לערנט נישט, דער סיבה פון דעם איז ווייל מען ווייסט נישט פונעם ״דרך הלימוד״ וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן (עיין שיחות הר״ן סי׳ עו), אז מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער אפילו מען פארשטייט נישט עיי״ש.

ב״ה אז מיר ווייסן פון רבי׳ן און מיר גלייבן אין רבי׳ן, קענען מיר יא אנהייבן לערנען, ווייל אין יעדע מצב - אפילו מען איז פאריאגט און פארפלאגט, דאך קען מען זאגן די ווערטער פון די תורה.

אז מען לערנט תורה ווערט מען פרייליך, און אז מען איז פרייליך האט מען אלע ישועות; מיר האבן נעכטן געהאט אין ירושלמי (שקלים פרק ג׳, הלכה ב) א מעשה, אז א חשוב׳ע הערנטע האט געבעטן ר׳ יונה זאל אים זאגן אויב ער טוט איינע פון די דריי זאכן - אויב ער שיכור׳ט; אדער ער בארגט אויף ריבות; אדער ער האדעוועט חזירים וואס מען מאכט פון דעם אסאך געלט; ווייל זיין פנים איז אזוי ליכטיג און עס שיינט, וואס דאס ווייסט אז ער מאכסט אסאך געלט אן ארבעטן שווער, זאגט איר ר׳ יונה: איך זאג דיר צו אז איך טו נישט קיין איינע פון די זאכן, נאר איך לערן תורה, און עס שטייט (קהלת ח): "חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו", אז מען לערנט ווערט מען פרייליך, און מען באקומט א ליכטיגע פנים; אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב", אז מען לערנט ווערט מען פרייליך.

ווען מיר זאלן נישט מקורב ווערן צום רבי׳ן נאר פארן דרך הלימוד אליין - "דיינו"; שטארק דיך, און לייג יעצט ארייין אין טאש א קליינע משניות, ווייל דו קענסט נישט וויסן וואו דו דארפסט היינט אנקומען און דו וועסט קענען לערנען דארט פרקים משניות; א מענטש טרעפט זיך ביי א דאקטער אדער אויף א פלאץ וואו ער דארףווארטן און ער האט נישט וואס צו טון, אויב האט ער מיט זיך א ספר קען ער זוכה זיין צו לערנען אין די צייט. אויך לייג ארייין א משניות אין דיין קאר, אזוי וועסטו האבן שמירה און דו וועסט זוכה זיין צו לערנען תורה.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ה׳ פרשת במדבר, ג׳ סיון, שנת תשע"ו לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

"אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו" - דאס דארפן מען זינגען און טאנצן יעדן טאג; אז ברוך השם מיר האבן אזא רבי וואס געבט אונז אזעלכע וואונדערליכע עצות וואס

משיח וועט אריין ברענגען אין די וועלט, און געלויבט איז דער אייבערשטער אז מיר ווייסן עס שוין יעצט.

געדענק וואס מוהרא״ש האט גע׳חזר׳ט מיט אונז ביי יעדע שיעור, אז מיר זאלן זיך נישט קריגן אין שטוב, נאר מוותר זיין, און פרובירן מיט אלע כוחות נאכצוגעבן אין שטוב; מוהרא״ש זאגט אז יעדער מענטש האט קשיות אויפן אייבערשטן, אנגעפאנגען פון א בחור - וואס פרעגט: ״פארוואס האב איך נאך נישט קיין שידוך?״ א אינגערמאן פרעגט: ״פארוואס האב איך דוקא אזא ווייב?״ אבער וואויל איז דעם מענטש וואס איז זיך מבטל פארן אייבערשטן, און ער גלייבט מיט אמונה שלימה אז דער אייבערשטער ווייסט בעסער ווי אים וואס איז גוט פאר אים, און ער גלייבט אז - ׳אויב האב איך נאך נישט מיין שידוך איז דאס גוט פאר מיר׳, און ׳אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אזא ווייב איז דאס גוט פאר מיר, און איך דארף פרובירן מיט אלע מיינע כוחות צו טרעפן די גוטס אין איר׳.

איך בעט דיר זייער מיין טייערע חבר, זאלסט נישט מיינען קיין איין רגע אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן פון דיר, אדער א צווייטער האט א בעסערע ווייב ווי דיר - דאס איז א גרויסער דמיון, ווייל אז דו קענסט זיך נישט אויסקומען מיט די פרוי וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, וואלסטו זיך זיכער נישט געקענט אויסקומען מיט א צווייטע פרוי וואס דו מיינסט אז זי איז גוט פאר דיר.

דער יצר הרע האט פיינט א מענטש, און ער וויל אים הרג׳ענען און צונעמען זיין לעבן; ער מאכט אז דער מענטש זאל נישט זיין צופרידן פון זיין לעבן, פון זיין ווייב און פון זיינע קינדער. ער רעדט איין פארן מענטש אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן, א בעסערע ווייב, בעסערע קינדער, א בעסערע דזשאב וכו׳. עס איז דא א ווארט אין קבלה שפראך ״עירוב טוב ורע״; מוהרא״ש האט אונז אויסגעלערנט אז אלע הויכע ווערטער איז פאר אונז געזאגט געווארן, און מיר קענען עס פארשטיין. ״עירוב טוב ורע״ מיינט, אז ווען אדם הראשון האט געגעסן פונעם ״עץ הדעת״ איז געשען א ״עירוב טוב ורע״, אז יעדער מענטש מיינט: ׳ביי מיר איז שלעכט, און ביי יענעם איז

גוט׳; מען מיינט אז די ״טוב״ איז ביי יענעם, און דער ״רע״ איז ביי מיר. אנשטאט מען זאל טראכטן אז ביי מיר איז ב״ה גוט, און ביי יענעם ווייס איך נישט, און איך וויל נישט וויסן; טראכט מען די גאנצע צייט: ׳פארוואס ביי מיר איז נישט גוט?׳ ׳פארוואס האב איך באקומען אזא ווייב וכו׳?׳ אנשטאט מען זאל זיין פריילך, און לויבן דעם אייבערשטן אויף וואס מען האט, און אויף וואס מען האט נישט - מחלות און שוועריקייטן וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט רח״ל.

א ברסלב׳ער חסיד גייט שטענדיג ארום מיט א שמייכל, און טאנצט און זינגט און לויבט דעם אייבערשטן; איך האב געהערט פון א ברסלב׳ער איד, א תלמיד ״היכל הקודש״ א מורא׳דיגע ווארט; עס איז דא א אויסדרוק וואס מענטשן זאגן: ״אלעס אינאיינעם, איז נישט דא ביי קיינעם״, האט ער געזאגט: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״, און ער זינגט דאס מיט זיין ווייב און קינדער און פאר זיינע חברים; וואס זאל איך דיר זאגן, עס האט אלע חן אויף דער וועלט ווען א מענטש וואס קען קוים דורך שטופן די וואך, און קוים וואס ער האט אויף שבת צו מאכן, און מיט דעם אלעם גייט ער ארום אזוי פריילך, און זינגט: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״.

דערפאר זע אויך צו זינגען דעם ניגון: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״ - וועסטו האבן אלעס גוטס. ר׳ נתן האט געזאגט: ״ווען דער אייבערשטער הערט ווי א מענטש דאנקט אים און ער לויבט אים, זאגט ער פאר די מלאכים: ״קוקט אן דעם איד, ער האט גארנישט און ער דאנקט מיך, איך וועל אים ווייזן וואס גוטס מיינט״, און פארקערט איז אויך אזוי, אז דער אייבערשטער הערט ווי איינער הערט זיך נישט אויף אפצורעדן זאגט ער: ״איך וועל אים ווייזן וואס שלעכטס מיינט״.

איך בעט דיר, זיי פריילך מיט די ווייב און מיט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן; געדענק ווען דו ביסט געווען א בחור האסטו נישט געוואלט לעבן, האסט נאר געוואלט חתונה האבן, נו, האסט דאך שוין חתונה געהאט, זיי פריילך! טראכט

נישט: ״מע, מיין ווייב איז א שלעכטע, א עקעלדיגע וכו׳״, נאר זוך אויף א נקודה טובה, און זיי איר דן לכף זכות. מען גייט שוין באלד אהיים, און עס איז א שאד פאר די פאר יאר וואס מיר לעבן, אז מיר זאלן זיך קריגן און בלאזן איינער אויפן צווייטן.

יעצט לכבוד יו״ט שבועות זע צו קויפן פאר דיין ווייב א שיינע זאך, און שיינע בלומען; און דער עיקר שרייב איר א קליינע צעטעלע מיט אפאר שיינע ווערטער, ווי למשל:

*יישר כח מיין טייערע ...*

*דו ביסט מיין לעבן.*

*איך האב דיר ליב.*

*איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו טוסט פאר מיר און פאר די קינדער.*

וכל המרבה הרי זה משובח; עס דארף נישט גראמען, עס דארף נאר זיין פון הארץ, און אז עס איז נישט דא א הארץ מאכט מען זיך א הארץ. אזוי ווי ר׳ נתן האט געזאגט פאר איינעם וואס האט אים געפרעגט: ״ווי נעמט מען א הארץ?״ האט אים ר׳ נתן געזאגט: ״דו האסט אויך א הארץ, נאר דו באהארצט עס נישט״.

וואס זאגט דער רבי נאך די מעשה פונעם חכם און תם? ״פארשטיי גוט ווי אזוי מען קען האבן א גוט לעבן״ עיין שם.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וַיֵּרָא, שְׁנַת תשע״ה לפ״ק

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער ... נ״י

איך האף אז דו געבסט נישט אוועק דיין גאנצע געלט אז עס בלייבט גארנישט פאר דיין לעבן; א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן אז איך זאל קענען אנגיין מיט די ישיבה וכו׳.

אשרינו שזכינו אז מיר ווייסן פון מוהרא״ש וואס ער איז אונז כסדר מעורר צו לערנען לויטן סדר דרך הלימוד - שיעורים כסדרן בכל התורה כולה, יעצט ווינטער ווען עס ווערט פרי נאכט קען מען אויסניצן די נעכט אויף צו לערנען, בפרט ליל שבת קודש אז מען האט שוין געקוקט די זייגער און מען ענדיגט שוין די סעודה זיבן אדער אכט אזייגער, קען מען זיך אוועק זעצן נאך די סעודה מיטן זוהר הקדוש און די מדרשים - רבה און תנחומא, דאס איז דאך ממש א מחיה, און מען האט א אנדערע שבת.

איינער איז זיך מחיה מיט א טשאלנט, איינער מיט אנדערע זאכן; און דא זיצט א אינגערמאן און לערנט מדרש און זוהר וכו׳ און קיינער ווייסט נישט, אבער מען קען זיך נישט פארשטעלן צו וואס א מענטש קען אלץ זוכה זיין.

דערפאר זיי נישט קיין בטלן; דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן אז דו האסט חתונה געהאט און דו ביסט שוין א טאטע׳לע, קענסטו יעצט אויסניצן דיינע נעכט אויף עבודת ה׳. איך פלעג דאס טון ביז בחורים און אינגעלייט האבן אנגעהויבן צו קומען צו מיר, היינט זיצט מען ביי מיר ביז שפעט פרייטיג צו נאכטס; זומער קען מען דאס טון פרייטיג נאכמיטאג - מען גייט פרי אין מקוה און מען זעצט זיך אוועק לערנען.

אוודאי דארף מען העלפן די ווייב - דאס איז זייער וויכטיג, אבער עס שטעלט זיך ארויס אז די אלע אינגעלייט וואס פאלגן מוהרא״ש און בטל׳ן נישט קיין צייט נאר לערנען שיעורים כסדרן בהתמדה - די העלפן אינדערהיים, און די וואס זאגן ׳איך האב שוין חתונה געהאט, און איך קען נישט לערנען׳ - די העלפן נישט און טוען נישט גארנישט; נעבעך נעבעך זיי זענען פארנומען צו קוקן נארישע און קינדערישע ליצנות אויפן טעלעפאן וכו׳, און ער האט נישט קיין רוחניות און נישט קיין גשמיות.

שְׁטַארְק דִיךְ וַוייטֶער בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה וּבְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; זָארְג נִישְׁט, דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר פִּיר דִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ; דוּ הָאסְטוּ אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַ וַוייבּ וָואס זָאל נָאר וֶועלְן תּוֹרָה. דַיין וַוייבּ ווִיל נָאר הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט; אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וַוייל אַז דִי מַאמֶע אִיז מַחְשִׁיב תּוֹרָה וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס נָאכְטוּן וְדַ״ל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ זֵייעֶר.

...

בעזהשי״ת - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וַיֵּרָא, שְׁנַת תשע״ה לפ״ק

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרֶע... נ״י

אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ, ווִי דוּ פְלֶעגְסְט אַרַיין אַרְבֶּעטְן אִין דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט דֶעם אֶבֶן הַפִּנָּה פוּן דִי חֵדֶר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט צוּטָאגְס אִיז דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אַ הֶערְלִיכֶע חֵדֶר וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן קִינְדְוַוייז אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ווִי אַזוֹי מוֹהַרַא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז, אוּן אַלֶעס אִיז אִין דַיין זְכוּת וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן דָאס אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אוּן אָרְגַאנֶעזִירְן דִי מְסִיבָּה פַאר דִי פְרוֹיעֶן יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; וַוייל מִיר אִינְגֶעלַייט - מֶענֶער, הֶערְן כְּסֵדֶר הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת; יֶעדֶע לֵיל שִׁשִּׁי הֶערְן מִיר דִי שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, שַׁבָּת בַּייטָאג הֶערְט מֶען וַוייטֶער סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הֶערְט מֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר, אוּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ - מָאנְטִיג אִיז דָא נָאךְ אַ שִׁיעוּר, אוּן נָאךְ; אָבֶער דִי פְרוֹיעֶן - הֶערְן נִישְׁט אוּן ווִיסְן נִישְׁט. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַין וַוייבּ אָז זִי זָאל אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ טְרַאכְטְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל וָואס מֶען קֶען טוּן

אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מְסִיבָּה זָאל זַיין מעָר עֶקְסֵיידִינְג, צוּ לְמָשָׁל עֶפֶּעס אַ גֶעים וָואס וֶועט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן גוּטֶע נִיגוּנִים מִיט הַארְמֶענִי וְכוּ׳, אוּן וָואס צוּ עֶסְן, אוּן אַלֶעס.

אִיךְ פְרֶעג כְּסֵדֶר דִי אִינְגֶעלַייט צוּ זַייעֶרֶע וַוייבֶער הָאבְּן הַנָאָה גֶעהַאט, יֶעדֶער עֶנְטְפֶערְט יָא, פְרֶעג אִיךְ פוּן וָואס? רוֹב עֶנְטְפֶערְן מִיר פוּן דִי שִׁיעוּר, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן פוּן דִי גֶעים, אָדֶער אִיז דָא וָואס זָאגְן פוּן סְתָּם זִיךְ צוּזַאמְטְרֶעפְן אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ.

דֶערְפַאר דָארְף מֶען זֶען (חוּץ דִי שִׁיעוּר וָואס מָרַת ... זָאגְט) אָז עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן זָאג פַאר דִין וַוייבּ אַז זִי מֶעג פְרֶעגְן, לְמָשָׁל אַזַא אֵיינֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס אוּן קוּמְט נִישְׁט, ״פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט?

עֶס אִיז אַ נַחַת צוּ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ בּוֹיסְט אוֹיף דַיין לֶעבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ, שְׁטַייטְלֶעךְ בִּיזְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע׳לֶע - הָאסְט שׁוֹין אַ ... קֵיין עַיִן הָרַע; דֶערְפַאר זֶע צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן ווִי דוּ פְלֶעגְסְט קוּמֶען מִיט דַיין רֶענְצְל סְפָרִים יֶעדְן טָאג, אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בֶּענְקְל אוּן לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען, הַלְוַואי זָאל אִיךְ הַיינְט הָאבְּן אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים - בַּחוּרִים מִיט אַזַא הַתְמָדָה; דֶערְפַאר, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זֶע אָבֶּער אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת מִתַּלְמִידֵי מוֹהַרָא״ש וָואס וֶועקְט אוּנְז כְּסֵדֶר אוֹיף צוּ לֶערְנֶען וְכוּ׳.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...